פולע טאבעלע פון דער מלוכה-לאטעריע — זעה 4. זייט

Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem.

NAJER FOLKSBLAT

פרייז 30 גראשען

היינט 24 זייטען

# נייער פאלקסבלאט

№ 36 | Łódź, Piątek, 10 lutego 1933 r. | עלפטער יאהרגאנג | לאדז, פרייטאג, י״ד שבט תרצ״ג | № 36

Adres Redakcji i Administracji: Łódź, Piotrkowska 21, tel. 224-71. — 224-71 אדרעס פון רעדאקציע און אדמיניסטראציע: לאדז, פעטריקאווער 21, טעל.

געז. צו פערשפרייטען פאך-קענטעניש צווישען יודישע פרויען אין לאדז

„PRACA"

מארגען, שבת ד 11 פעברואר ד. י. ווערט פארקומען אין די זאלען פון מעבער-געזאנג-פעראיין פעטריקאווער 243

א גראנדיעזער ראוט (WIECZORNICA PRACY)

לטובת דער געז. צו פערשפרייטען פאך-קענטענישען צווישען יוד. פרויען אין לאדז „Praca"

פערשידענע אטראקציעס! בעסטער דושעז! אנהויב 10 אווענד. בילעטען ביי דער קאסע פון זאל פעטריק. 243.

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 72 יאהר, אונזער לאנגיעהריגער גבאי און גרינדער פון בית-הכנסת דחברה „אהבת רעים"

נ״ע דוד בן ר׳ מרדכי ז״ל שווארץ

אלע מתפללים ווערען געבעטען צו קומען צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג, י״ד שבט תרצ״ג, 11 א זייגער פריה, פון טרויער-הויז זאוואדזקא 6, כדי אפצוגעבען דעם לעצטען כבוד דעם פערשטארבענעם.

די גבאים פון בית הכנסת דחברה „אהבת רעים", פעטריקאווער 24.

199

---

נאך לאנגע שווערע ליידען איז געשטארבען מיין טייערער און ליבער מאן, אונזער הייסגעליבטער און אופערגעסליכער פאטער, גראספאטער, שוויגערפאטער, ברודער, שוואגער און אנקעל

נ״ע דוד בן ר׳ מרדכי ז״ל שווארץ

איין עלטער פון 72 יאהר

די לויה קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 10 טען פעברואר 1933, 11 א זייגער פארמיטאג, פון טרויער-הויז זאוואדזקא 6, וועגען וואס עס טיילען מיט אין גרויס צער

די טיפטרויערנדע הינטערבליבענע.

209

---

נאך לאנגע און שווערע ליידען איז נעכטען געשטארבען אין עלטער פון 72 יאהר אונזער לאנגיעהריגער מיטגליד און ג׳ פרעזעס

נ״ע דוד בן ר׳ מרדכי ז״ל שווארץ

צו דער לויה, וועלכע קומט פאר היינט, פרייטאג, דעם 10 פעברואר 1933, 11 א זייגער פריה פון טרויער-הויז זאוואדזקא 6, ווערען אויפגעפאדערט אלע מיטגלידער צו קומען, כדי אפצוגעבען דעם פערשטארבענעם דעם לעצטען כבוד.

די פערוואלטונג פון לאדזער פליישער- און וואורשטעמאכער-צעך, פיעטריק. 24

619

---

דעם טיפסטען מיטגעפיהל דריקען מיר אויס אונזער חשוב׳ן פערוואלטונגס-מיטגליד ח׳ מענדעל ווייסבערג און פרוי, צוליב׳ן טויט פון זייער אונפערגעסליך פערשטארבענעם

טעכטער׳ל

זייט געטרייסט!

די פערוואלטונג פון מאגאזין-שניידער- מייסטער-פעראיין

יילמודסקיעגא 12.

665

---

חברה „כנסת צעירים" לודז, — 51 — פילסודסקיעגא

אי״ה זונטאג, פ׳ יתרו תרצ״ג 12/II 33 פינקטליך 7 אווענד קומט פאר אין זאל פון בעקער-צעך, פילסודסקיעגא 57

א פייערליכער

סיום הספר-תורה

מיט דער בעטייליגונג פון א בעוואוסטען חזן מיט א גוט-איינשטודירט כאר ווי אויך א גרויסער סימפאנישער ארקעסטער אונטער דער לייטונג פון בעוואוסטען מוזיקער ד. בייגעלמאן. מיט רעדעס מעניני דיומא וועלען ארויסטרעטען די בעריהמטסטע רעדנער-קרעפטען פון לאדז ווי אויך אייגענע חברים. בעמערקונג: פאר פרויען ספעציעל רעזערווירטע פלעצער.

דאס נייהען די יריעות קומט פאר פון 4 א זייגער נאכמיטאג.

די יודישע בעפעלקערונג ווערט זעהר געבעטען אנטייל צו נעמען אין דער פייערונג.

ברגשי כבוד

והעד דחברה „כנסת צעירים" בלודז.

619

---

Doktór

Łagunowski

Piotrkowska 70

i róg Traugutta

Tel. 181-83.

choroby skórne weneryczne i moczopłciowe.

Gabinet Roentgenoleczniczy.

Przyjmuje od $8^{30}$ do 10, 1 — $2^{30}$, od 6 do $8^{30}$ w. w niedzielę i święta od 10—1.

Oddzielna poczekalnia dla pań.

---

שייטלעך

בעקומט מען ביי הערש

סקווערא 15

---

עס געהט שוין צו פסח און די נויט איז גרויס!

דו מוזט שוין בעצייטענס זארגען, אז דיין אמעריקאנער קרוב זאל דיר צושיקען אויף יום-טוב

א פעקעל מלבושים!!

אויב דו ווילסט נישט האבען קיין צרות צוליב א פעקעל קליידונג דורך פאסט און אויב דו ווילסט אויך דיין קרוב איינשפארען קאפעדרעהענישען, מוזט דיין קרוב אין ניו-יארק אדער ברוקלין שרייבען. אז ער זאל דיר דאס פעקעל בגדים, וועש, שיכוואָרג שיקען דורך דער

Polish Atlantic Shipping Co. of America

79 Norfolk Street (near Delancy Street)

NEW-YORK, N. Y., America

וואס שטעהט אונטער דער אנפיהרונג פון מאקס ראזענטהאל און ישראל סמאלאר.

וועסט נישט דארפען האבען צו טון מיט׳ן צאל-אמט און אנדערע אמטען און דיין קרוב וועט מיט׳ן פעקעל נישט דארפען געהן אין קאנסולאט. לעג אריין דעם אדרעס אין דיין ערשטען בריף צו דיין קרוב אין ניו-יארק אדער ברוקלין. קענסט אויך שרייבען דירעקט צו דער „פאליש-אטלאנטיק שיפינג קאמפאני" — זי וועט שוין דיין קרוב אויפזוכען און דיר אין דער בעסטער ארדנונג צושטעלען אהיים דאס פעקעל קליידונג פאר דיר און דיין הויזגעזונד. לעג נישט אפ אויף מארגען! מהו עס באלד!

597

---

האנדווערקער-פעראיין, פיעטריקאווער 64

מארגען, שבת, דעם 11. פעברואר 1933. פינקטליך 4 נאכמיטאג קומט פאר אין פעראיינס-לאקאל

די אלגעמיינע יעהרליכע

בעריכטס-פערזאמלונג

מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג:

1) דערעפנונג, 2) וואהלען פון א פארזיצער, 3) טעטיגקייט און קאסע-בעריכט, 4) דיסקוסיע איבער די בעריכטען, 5) וואהלען פון א פערוואלטונג, 6) פערשידענעס.

חברים, מיטגלידער! קומט פינקטליך!

די פערוואלטונג.

661

---

אכטונג! אכטונג!

זדונסקא-וואלער אין לאדז!

מוצש״ק פ׳ בשלח, דעם 11 פעברואר ד.י. 6 א זייגער אווענד, קומט פאר אין אייגענעם לאקאל, פילסודסקיעגא 12

א חמשה-עשר-פייערונג

מיט דער בעטייליגונג פון אונזער בן-עיר הרב ר׳ פינטשע לוריע און דעם בעוואוסטען רעדנער ר׳ שמואל אהרן שנייבערג. אלע זדונסקא-וואלער ווערן געבעטען צו קומען צו דער פייערונג.

די פערוואלטונג.

099

---

היטעל-מאכער-צעך אין לאדז!

זונטאג, דעם 12. פעברואר 1933, פינקטליך 7 אווענד קומט פאר די

גענעראל-פערזאמלונג

אין אייגענעם לאקאל פאלודניאווא 4 מיט פאלגענדער טאג-ארדנונג:

1) ערעפנונג פון סטארשע, 2) וואהלען פון א פארזיצענדען, 3) בעריכט (קריטיק), 4) ענדערן דעם בייטראג פון 2 זל. מ. אויף 1.50 מאנאטליך, 5) וואהלען פון א פערוואלטונג, 6) פרייע פארשלאגען.

אלע מיטגלידער ווערען געבעטען צו רעגולירען דעם בייטראג, כדי נישט צו פערלירען די שטים-רעכט.

דער 2-טער טערמין קומט פאר 8.30 אווענד ביי יעדע צאהל מיטגלידער.

די פערוואלטונג.

617

## פּיניעלע מזיק

### גיט לשון



וואָס וועט דיין שוואַרצע סוף זיין, פּיניעלע? ווי לאַנג וועסטו דיך אַרומבאַלעווען אויפ׳ן אַלטען מאַרק, ווי לאַנג? — אַזוי פרעגען זיי מיך, די פּענעמאַטסקע יאָלדען.

כאַ... כאַ... וואו דען זאָל איך זיין? אַז מיין טאַטע מיט דער שקאָלע פירען אַן אימפּאָרט מיט אַן עקספּאָרט: דער טאַטע עקספּאָרטירט מיך אין דער שקאָלע אַריין, און דער לעהרער אימפּאָרטירט מיך אַרויס.

— געלד, זאָגט דער לעהרער האַסטיג און אַזוי ווי ביי מיין טאַטען איז אַ פּשעטשאַנג אין די קעשענעס, האַלט דער לעהרער אין איין שרייען: „פּיניעלע — טיל זוראַט"!...

לאָז איך מיך אויס פון טאַטען מיט דער שקאָלע, און איך באַליעווע אויפ׳ן אַלטען מאַרק. וואָס ס׳עט פון מיר ווערען? ס׳עט שוין ווערען! ה׳לערען מיך אַ גוט פאַך — כ׳לערן מיך פאַר אַ כלל־טוער — דאָס איז בעסער פון שוסטעריי און אַפילו פון דאַמען־שניידעריי...

אוי, הערט נאָר, יאַטען, איז דאָס כלל־טוערייַ אַ וואוויל פאַך, איך האָב אַמאָל געהערט דעם שוואַרצען יאַנטשע טשאַקען:

— יודען, האָט ער געשריגען — אונזערע אָרימע קינדער! רחמנות! יודיש האַרץ!

האָב איך דעם שוואַרצען יאַנטשע געקוקט גלייך אין די אויגען אַריין און אַזוי געזאָגט:

— פּעטער, טשאַקעט נישט! באַרען קענט איהר מאַקע, אָבער נישט פּיניעלען — איהר מיינט די הגדה צי די קניידלעך!..

איצט גיה איך צום שוואַרצען יאַנטשע אין קאָפּ לעהר אַריין — איך על שוין ווערען אַ לייט — זגראַבנע בין איך און טאַלענט האָב איך אויך.

ער הערט, יאַטען, פּיניעלע מזיק ווערט אַ כלל־טוער!...

---

## אוי, די גריפּע!

— וואָס מאַכט דיין פרוי מיט דער גריפּע?

— פון דער גריפּע איז זי שוין אַרויס, וועןנישט די קאָמפּליקאַציע?

— אַבי׳אויער?

— ניין, זי האָט זיך פערליבט אין דאָקטאָר.

## בריזש־משוגעת

### סינדעו איז די וויגעו שפּילען

קינד (שילער פון 1־טען אָדזשאַל): מאַמעשי, אין 2־טען אָדזשאַל לערענט מען שוין שפּילען בריזש?

## דער קראַנקער יודישער טעאַטער

### אפשר וועט דער דאָקטאָר באַראַטאָוו העלפען

אין „סקאַלאַ"־טעאַטער שפּילט איצט ד״ר באַראַטאָוו.

אַ פּנים מיט אונזער יודישען טעאַטער איז נישט פריהליך, אַז מ׳האָט געמוזט רופען צו איהם אַ דאָקטאָר!

דער „קונדס" ווינשט דעם ד״ר באַראַטאָוו, ער זאָל דעם חולה ברענגען אַ רפואה שלימה.

---

## ביים שויפּענסטער

### אין דער גנבים־בראַנזשע איז אויך נישט פויגעלדיג

צוויי עלעגאַנט געקליידעטע דאַמען שטעהען אויף דער פּיעטריקאָווער גאַס ביי אַ שויפּענסטער און בעטראַכטען זיך ביידע וועלכע דיוואַנעס צו קויפען. איינער געפעלט אַ פּערסישער דיוואַן מיט׳ן פּרייז 350 זל. דער צווייטער געפעלט אַ טייער פאַר 600 זלאָטעס.

נעבען זיי שטעהט אַ טאַשענציהער און הערט זיך צו דעם געשפּרעך. איינס, צוויי, און ער האָט די האַנד אין האַנד־בייטעל.

אין עטליכע מינוט שפּעטער, קומט דער גנב צוריק אַ דענערווירטער און גיט דער דאַמע אַ וואָרף דאָס בייטעלע אין פּנים אַריין — פּערסישע דיוואַנעס געהט זי קויפען, און האָט 20 גראָשען איהר פערמעגען!...

## יודען שמועסען

### ביז מנחה למעריב

— האָסט געהערט, יונה לעבעדיוק איז דאָך געוואָרען פּרעזעס פון פעראיין „עזרת קרופּניק".

— אַזוי? ער האָט דען די נויטיגע קוואַליפיקאַציעס?

— אַוודאי, ער איז דאָך שוין צוויי מאָל געזעסען אויף דער מילשאַ.

מ׳שמועסט, אַז אין סיים זאָל פערקירצט ווערען די רעדנער־צייט.

— און איך האָב געהערט, אַז די רעדעס אין סיים זאָלען אינגאַנצען אָפּגעשאַפט ווערען, מ׳וועט בלויז צו שאָקלען מיט די קעפּ.

---

## א דיפּלאָמאַטישע קרענק

צום קראַנקען מיניסטער בעק, איז געקומען דער דזשאַדעק מבקר חולה זיין. ביים קראַנקענ׳ס בעט האָט מען געשמועסט וועגען גייע דיפּלאָמאַטישע מיטיעס.

מ׳זאָגט דערום, אַז דאָס איז אַ „דיפּלאָמאַטישע קרענק"...

## קאַרנאַוואַל אין לאָדז

### ווער, און ווי אַזוי מ׳ווײלט זיך

פערגאַנגענעם שבת צו באַכט, זענען איינגעאָרדענט געוואָרען פיל קאָנצערט־ראַוטען.

— ווי אַזוי?

אויפ׳ן סטראַזשאַצקע באַל, איז געווען אַ פייערליכע שטימונג, מ׳האָט געטאַנצט מיט דער גאַנצער פּאָמפּע.

ביי די קאָלעיאַזשעס, האָט מען באַך אין דער פריה געבאַלעוועט אויף דער גאַנצער פּאַרע.

אין אַ סוחרים־קלוב, האָט מען זיך געבאַוויעט אַזוי לאַנג ביז מ׳איז געפאַלען פון די פיס.

אויפ׳ן באַל אין וואַיאַזשאָרען־פעראיין איז געווען אַ ווייבער־קאָלעקציע, און יעדע דאַמע האָט ביי זיך געהאַט אַ פאַרבען־קאַרטע.

אויפ׳ן באַל פון „וויזאָ", האָבען די דאַמען גערעדט וועגען ציון... ציה מיך נישט פאַר דער צינג...

## א וואוילטעטער

### אויפן באַל פאַרן יתומים־הויז

— וואָס טאַנצט דו עפּעס מיט דער גראַבער מאַדאַם בערטאַ? ביי אַזאַ מאַשין, וועסטו דאָך ס׳האַרץ פערלירען!

— נו, ס׳איז דאָך הייגט פאַר אַ וואוילטעטיגען צוועק!..

## לאָדזער יודען

### פערשטעהן זיך אהן ווערטער

אין צוג פון לאָדז קיין וואַרשאַ זיצען צוויי לאָדזער יודען איינער קעגענאיבער דעם אַנדערען און שווייגען.

איינער פון זיי גיט אַ זיפץ. באַך אַ זיפץ, אין עטליכע מינוט אַרום ווידער אַ זיפץ.

— נו, וואָס דערצעהלט איהר סאַרע מעשיות.

— האָט זיך דער פרעמדער שכן דערגעוואוירט — איך האָב נישט בעקומען קיין „נאַדזור"!

## קליינע אַנאָנסלעך

### ביז 15 ווערטער צאָהלט דער „קונדס" צו 1 זלאָטע

די פּאַניענקע, וואָס האָט אויפ׳ן טראַמוויי נומער 15 איבערגעלאָזט ביי מיר אַ פּיצעלע קינד און האָט צוגענומען ביי מיר דעם שירים, ווערט געבעטען צוריק אָפּצונעמען דאָס קינד. דעם שירים קען זי בעהאַלטען פאַר זיך.

---

ב׳לערן טאַנצען רומבע, פאָקסטראָט און אַנדערע קלאַסישע טענץ פאַר איין פאָר איבערגעטראָגענע הויזען.

---

כ׳זוך אַ קאַוואַלערסקע צימער ביי אַ יונגע אַלמנה אָדער גרושה, אין בעטראַכט נעם איך נאָר אָפּערטעס מיט בייגעלעגטע פאָטאָגראַפיעס.

---

אַן אינטעליגענטער בחור מיט אויסגעגעבענע קינדער זוכט אַ כלה מיט גאַז, עלעקטריע, און אַלע אַנדערע וויגאָדעס, נישט העכער פון 2־טען שטאָק.

---

אַ בחור זוכט אַ צימער, ס׳קען זיין מיט אַ שוניגער.

---

# דער קונדס

● הומאָר ● סאַטירע

צוזאַמענגעשטעלט פון אב—געק ●

ביילאַגע צום נייעם פאָלקסבלאַט נומער 36 — פרייטאָג, דעם 10 פעברואַר 1933

## היטלערס פ(ר)אגראם־רעדע



אט דאס איז דער מאַן מיט׳ן „ברוינעם העמדעל", וואס על פּי יושר וואלט ער געדאַרפט טראגען אַ צוואַנגס־העמדעל...



אויבן רעכטס: טאָן־פילם פון אַנ׳אַטאַקירונג דייטשע רייטער.



אין מיטן רעכטס: דער דיכטער האַנס יאָסט זאָל בעשטימט ווערן אַלס אינטענדאַנט פון בערלינער מלוכהשען שוישפיל־הויז.



אונטן רעכטס: פראַנצויזישער פרעזידענט לעברען אין דער אַנוועזנהייט פון דיפּלאָמאַטישען קאָרפּוס לאָסעוועט אויס ווער עס זאָלען היי־יאָהר פאָרקומען די טעניס־מייסטערשאַפטען פאַר׳ן דייוויס־בעכער.



אין אינסברוק (טיראָל) זענען פאָרגעקומען אינטער־נאַציאָנאַלע וועט־סקי־לויפען. דאָס בילד ווייזט די בעסטע סקי־לויפער אין דעם קאַמף.



א וואונדער־אַרבייט פון פאַרצעלאַן איז איצט אויס־געשטעלט אין דרעזדען (דער מייסטער איז יאָהאַן קענדלער).



צו די אונרוהען אין רומעניען. דעמאָלירטע געביידע פון אַ נאַפט־געזעלשאַפט אין פלאָעשטי



אַ בית־עולם פון אַלטע ענגלישע אונטער־וואַסער־שיפלעך געפינט זיך ביים ברעג פון קאַרנוואַל (ענגלאַנד).



עמיל יאַנינגס אין קאָמ. פילם „קעניג פּאַוואָל".



אן אויטאָ וואָס איז בעשטימט פאַר רייזעס אין דער וויסטע, געבויט פאַר׳ן כעדיוו פון עגיפּטן.







אויבען רעכטס: קעניג קריסטיאַן פון דענעמאַרק דער גאַסט געהט אויף בעזוך צו הינדענבורגן.

---

אויבען אינדערמיט: ריזיגע דעמאָנסטראַציעס פון ענגלישע אַרבייטסלאָזע געגען די איצטיגע רעגירונג. עס רעדט דער פיהרער פון די אַרבייטער־פּאַרטיי, לענסבערי.

---

אינדערזייט רעכטס: דער בעריהמטער אָפּערן־זינגער מיכאַעל באָהנען איז שטערבליך קראַנק געוואָרען.

---

אונטען רעכטס: אַ פּאַנצער־אויטאָ געגען שטרייקענדע אַרבייטער אין דובלין (אירלאַנד).



באַזג, דער נייער פּרעמיער פון דער בריטישער רעגירונג.





פּרעמ. מאַקדאָנאַלד זאָל זיין פּרעזידענט פון דער אַלוועלטליכער ווירטשאַפטליכער קאָנפערענץ.



דער בעקאַנטער קונסט־היסטאָריקער פּראָפ. ווערמאַן איז געשטאָרבען אין עלטער פון 89 יאָהר.



ווילהעלם רענטגען, צום 10־טען יאָהרצייט פון גרויסען פיזיקער.







אויבען לינקס: פּאָרהיסטאָרישע טיר־צייכנונגען אויף פעלזענשטיין, זענען ענטדעקט געוואָרען דורך דעם געלעהרטען פּראָבעניוס (אין ווינקעל) אין דרום־טריפּאָליס (אַפריקע) די פעלזען־שטיקער זענען איצט אויסגעשטעלט אין רוים.

---

אינדערזייט לינקס: די בערלינער קאַבאַרעט־שוישפּילערין בואַז איז בעגאַנגען זעלבסטמאָרד, מאָהט זי אָבער אָפּגעראַטעוועט.

---

אינדערמיט: אַ פּאָרצעלאַן־מעדאַל צום 50טען יאָהרצייט פון ריכאַרד וואַגנער.

---

אונטען לינקס: אַ בילד פון שאַנכאַי־קוואַן, נאָך דער באָמבאַרדירונג פונ'ם יאַפּאַנישען מיליטער.



נילס אָלכטעם, דער פערט־וויאונגס־מאַן פון קרעגערן איז אַרעסטירט.






